בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת תולדות תשפ"ב | גליון 622 [שנה י"ד]

**פארוואס ויעתר לו ה' און נישט צו איר?**

וַיֶּעְתַּ֨ר יִצְחָ֤ק לַֽה' לְנֹ֣כַח אִשְׁתּ֔וֹ כִּ֥י עֲקָרָ֖ה הִ֑וא וַיֵּעָ֤תֶר לוֹ֙ ה' וַתַּ֖הַר רִבְקָ֥ה אִשְׁתּֽוֹ: (כ"ה כ"א) עס איז מיר געווען שווער דריי דיוקים אין פסוק, איינס פארוואס שטייט לַה', עס איז פארשטענדיג אז יצחק האט מתפלל געווען צום אויבערשטן, האט געקענט נאר שטיין וַיֶּעְתַּר יִצְחָק? צווייטנ'ס פארוואס איז געווען וַיֵּעָתֶר לוֹ? און דאס וואס רש"י שרייבט אז אינו דומה תפילת צדיק בן צדיק לתפילת צדיק בן רשע, איז שווער וועגן וואס דארף מען פארשעמען רבקה אין די תורה? נאך איז שווער פארוואס דארף שטיין וַתַּהַר רִבְקָה אִשְׁתּוֹ: ווען עס שטייט כִּי עֲקָרָה הִוא און וַיֵּעָתֶר לוֹ ה' פארשטייט זיך אז זי איז געהאלפן געווארן און וַתַּהַר רִבְקָה אִשְׁתּוֹ, וועגן די תפילה פון יצחק? נאר בעזה"י האב איך געזען א פשט אין (ספר אזור אליהו לערמאן אב"ד וויסקיט ווארשא תרמ"ה) און מיט דעם וועט מען בעזה"י קענען פארענטפערן די אלע דיוקים, עס שטייט אין גמ' (סנהדרין דף מ"ו ע"א) **אמר רבי מאיר בשעה שאדם מצטער שכינה מה לשון אומרת קלני מראשי קלני מזרועי**, און עס שטייט (ישעי' ס"ג ט) בְּכָל צָרָתָם לוֹ צָר, ווען א מענטש איז בצער איז דער שכינה אויך בצער, דעריבער ווען א צדיק איז מתפלל פאר זיך, איז ער מתפלל אז דער אויבערשטער זאל נישט האבן קיין צער פון דעם, און אויף אזא תפילה איז נישטא קיין קיטרוגים אפצוהאלטן די תפילה, און עס ווערט אנגענומען, יעצט רבקה האט דאך געהאט צער וועגן קינדער האט דאך דער אויבערשטער אויך געהאט צער פון דעם, דעריבער האט יצחק מתפלל געווען אז דער אויבערשטער זאל נישט האבן קיין צער, דאס מיינט וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה', פארן אויבערשטנ'ס וועגן, לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ, אנקעגן די צער פון זיין ווייב, האט דער אויבערשטער אויך געהאט צער, און דאס האט יצחק מתפלל געווען, דעריבער שטייט וַיֵּעָתֶר לוֹ ה', איז שוין אויך גוט דער ענין פארוואס וַיֵּעָתֶר "לוֹ" ה', איז דאס נישט צו פארשעמען רבקה, נאר צו מגלה זיין אז ווען מען בעט זאל בעטן אויפן צער פון די שכינה, און נישט אייגענע צער, און די תפילה ווערט אנגענומען. לויט דעם איז פארשטענדיג וואס מיר זאגן אין שמונה עשרה וּגְאָלֵנוּ גְּאֻלָּה שְׁלֵמָה לְמַעַן שְׁמֶךָ, פארוואס דארף מען זאגן לְמַעַן שְׁמֶךָ, ווען בעיקר איז די תפילה אויף די גאולה? נאר לויט פריערט איז גוט, ווייל די עיקר וואס מיר בעטן פארן גאולה, איז לְמַעַן שְׁמֶךָ וועגן צער פון די שכינה, ווייל וועגן דעם וועלן מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה בב"א. (שמח זבולון תשפ"ב)

**גאר שיינע פשט פארוואס איז אבימלך יעצט געקומען צו יצחק**

וַאֲבִימֶ֕לֶךְ הָלַ֥ךְ אֵלָ֖יו מִגְּרָ֑ר וַאֲחֻזַּת֙ מֵֽרֵעֵ֔הוּ וּפִיכֹ֖ל שַׂר צְבָאֽוֹ: וַיֹּ֤אמֶר אֲלֵהֶם֙ יִצְחָ֔ק מַדּ֖וּעַ בָּאתֶ֣ם אֵלָ֑י וגו' וַיֹּאמְר֗וּ רָא֣וֹ רָאִ֘ינוּ֮ כִּֽי הָיָ֣ה ה' עִמָּךְ֒ וַנֹּ֗אמֶר תְּהִ֨י נָ֥א אָלָ֛ה בֵּינוֹתֵ֖ינוּ בֵּינֵ֣ינוּ וּבֵינֶ֑ךָ וְנִכְרְתָ֥ה בְרִ֖ית עִמָּֽךְ: וגו' אַתָּ֥ה עַתָּ֖ה בְּר֥וּךְ ה': (כו כו) נאכדעם וואס מען האט פארשטאפט די בארות פון יצחק איז געקומען צו אים אֲבִימֶלֶךְ, אֲחֻזַּת מֵרֵעֵהוּ און פִּיכֹל צו יצחק און פרעגט זיי מַדּוּעַ בָּאתֶם אֵלָי וְאַתֶּם שְׂנֵאתֶם אֹתִי וַתְּשַׁלְּחוּנִי מֵאִתְּכֶם? האבן זיי געענטפערט רָאוֹ רָאִינוּ כִּי הָיָה ה' עִמָּךְ, און זיי ווילן מאכן שלום מיט יצחק. עס זענען דא עטליכע דיוקים, ערשטנס פארוואס שטייט עקסטער וַאֲבִימֶלֶךְ הָלַךְ אֵלָיו מִגְּרָר און נאכדעם באזונדער וַאֲחֻזַּת מֵרֵעֵהוּ וּפִיכֹל שַׂר צְבָאוֹ, ווען עס וואלט געדארפט שטיין וַאֲבִימֶלֶךְ וַאֲחֻזַּת מֵרֵעֵהוּ וּפִיכֹל שַׂר צְבָאוֹ הָלְכוּ אֵלָיו מִגְּרָר? אויך איז שווער פארוואס שטייט "בֵּינוֹתֵינוּ" בֵּינֵינוּ וּבֵינֶךָ, וואס דאס איז א דאפעלטע לשון? נאך איז שווער דאס וואס שטייט וַיֹּאמְרוּ רָאוֹ רָאִינוּ כִּי הָיָה ה' עִמָּךְ, פון וואנעט האבן זיי געוואוסט אז ה' איז מיט אים? נאר מען קען זאגן אז באמת איז יעדער באזונדער געגאנגען צו גיין צו יצחק, ווייל דער אויבערשטער האט אין זיי אריין געשיינט דעם רצון צו מאכן שלום מיט יצחק, דעריבער שטייט יעדער עקסטער, נאר אינמיטן וועג האבן זיי זיך צוזאמען געטראפן, און דאס האבן זיי געזאגט וַיֹּאמְרוּ רָאוֹ רָאִינוּ ווייל יעדער באזונדער האט געהאט א גילוי אז ה' עִמָּךְ אז דער אויבערשטער איז מיט אים, און פארוואס האבן זיי דאס מרגיש געווען ווייל בֵּינוֹתֵינוּ, האבן זיי געזאגט אז אינעווייניג ביי זיי פילן זיי א תשוקה צו ליב האבן יצחק, און דער טעם איז אזוי ווי די מפרשים פרעגן ביי רבקה וואס האט געזאגט צו יעקב וְיָשַׁבְתָּ עִמּוֹ יָמִים אֲחָדִים עַד אֲשֶׁר תָּשׁוּב חֲמַת אָחִיךָ עַד שׁוּב אַף אָחִיךָ מִמְּךָ: שטעלט זיך די קשיא ווי האט יעקב געקענט וויסן אז די חֲמַת איז אוועק פון עשו? נאר די ראיה איז ווייל זי האט געזאגט "מִמְּךָ" פון דיר אליין, ווען דו וועסט אוועק נעמען פון דיר דיין כעס, און וועסט אים ליב האבן וועט שוין אויך אוועק גיין די כעס פון עשו אזוי ווי עס שטייט כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם ע"כ. דאס איז געווען דא ביי יצחק, ווייל יצחק האט אוועק גענומען פון זיך די כעס אנקעגן די דריי און דאס האבן זיי געפילט, ממילא איז געווארן די אהבה צווישן זיך, וועגן דעם שטייט בֵּינוֹתֵינוּ, אין אונז האבן מיר געפילט דיין אהבה און וועגן דעם ווילן מיר מאכן א ברית און דעריבער בְּרוּךְ ה'. (יישב לב סיגוט)

## מיין זיידע א מומחה אויף חסד בהצנע לכת

עס איז 39 יאר פון מיין זיידע ר' אברהם יעקב בהרה"ג ר' יצחק סג"ל הלוי באכנער ז"ל בעל מחבר ס' שיח יצחק נפ' כ"ח חשון תשמ"ג אין עלטער פון 72 יאר, ער איז געבוירן אין שטאט טשאבניץ נישט ווייט פון צאנז, וואו זיין טאטע איז געווען דער שוחט ובודק, און איז געפארן צוויי מאל צום הייליגן דברי חיים וואס איין נסיעה איז געווען אויף ימים נוראים. נאכן הסתלקות פון דברי חיים איז ער געווארן א חסיד פון הרה"ק ר' דוד מדינוב און שפעטער צו זיינער קינדער, ער האט חתונה געהאט מיט מרת אסתר ענגלאנדער בת הרבני רב אברהם יעקב און מרת רבקה מאטיל. תרע"ו איז מרת אסתר נפטר געווארן און איבער געלאגט א שטוב מיט יונגע קינדער, דעמאלטס האט מען געדארפט א עהרליכער שוחט פאר גסות אין נוי יארק און זיי האבן ארויס געברענגט די משפחה, מען האט זיך איינגעארדענט אין די איסט סייד וואו עס זענען געווען אסאך חסידישע בתי מדרשים און א גוטער חדר און אזוי האט מיין זיידע געהאט א גוטער חינוך, אויך זיין טאטע האט זיך אסאך אפגעגעבן מיט אים, זייענדיג א עהרליכער בחור, האט מען אים גערעדט א שידוך מיט די טאכטער - מרת יוטא- פון הרה"ח ר' יעקב נח שטראסבורג א חסידישער איד פון פשעמישל מיטן חסידישן לבוש און א זעלטענער הדרת פנים. מיין זיידע איז געווען דבוק אין צדיקים זייענדיג נאנט מיט הגה"ק מקלויזנבורג און אים געהאלפן שטילערהייט אין וועד הצלה, אויך איז ער געווען א משתתף אין זיינע שיעורי חומש ורש"י, אויך איז ער געווען א מתפלל ביי דער הייליגער צדיק ר' ישראל מבלאזוב ווען ער איז אנגעקומען נאכן קריג, און איך האב טאקע זוכה געווען אז דער הייליגער צדיק איז געווען מיין סנדק, ר' יצחק האט געדאווענט אין סטאלינער שול ביים הייליגן צדיק ר' יעקב חיים ומנו"כ דיטרויט און דער רבי האט זייער געשעצט מיין עלטער זיידע און אים מכבד געווען צו זיין דער מגיד שיעור

פון חברת ש"ס ומשניות, און אויך געווען דער בעל קורא שבת ביי מנחה, ר' אברהם יעקב איז נתקרב געווארן צו סטאלין מיט א מעשה וואס האט פאסירט ווען מיין באבע מרת יוטא איז געווען א יונגע פרוי איז זי האט באקומען א סטראוק און דער מצב איז געווען זייער שמאל, איין נאכט חלומ'ט מיין זיידע אז דער רבי ר' יוחנן פון סטאלין קומט צו אים און זאגט "מיסטער באכנער פארוואס קומט איר נישט צו אונז, מיר קענען אייך א טובה טאן?" מיין זיידע ווייסט נישט קיין חכמות און אינדערפרי קומט ער צום רבין און דערמאנט זיין ווייב אז זי דארף א ישועה און וועגן חלום, זאגט אים דער רבי: פארוואס דארפט איר זאגן אז עס איז געווען א חלום? האט דער רבי געזאגט זי האט דאך געטאן גרויסע זאכן פאר אידישקייט און זי וועט ווערן אינגאנצן געזונט, און טאקע פערציג יאר האט מיין באבע נישט געדארפט א דאקטער, זיי האבן געהאט שטארקע הכרת הטוב פאר סטאלין, און זיי האבן ארויס געהאלפן הן דער רבין און הן די מוסדות. אלע יארן, זי האט געפירט די קאסע פון געלט פאר די מוסדות און דער רבי ז"ל האט געזאגט כל זמן מרת באכנער וועט פירן די קאסע וועט נישט פעלן קיין געלט, און כך הוה, מיין זיידע זייענדיג א ארבעטארער ביי טאג, פלעגט ער ארום פירן הרה"ח ר' יודל אקערמאן צו טאנצען אויף חתונות כדי שאפן געלט פאר די סטאלינער ישיבה, אפילו עס פלעגט זיין עטליכע חתונות און אהיים געקומען שפעט אין דער נאכט, אלעם בהצנע ושלא ע"מ לקבל פרס, זיי האבן זיך מוסר נפש געווען פאר די סטאלינער מוסדות, מיין זיידע האט געהאט א זעלטענע געפיל אויף מלוה מלכה און פלעגט פארברענגען א לאנגע צייט ביי מלוה מלכה, אויך האט ער איינגעפירט צו לערנען פאר די קינדער און אייניקלאך פון די פרשה און עין יעקב ביי די סעודות שבת, ער איז געווען א איש נאמן און אכטונג געגעבן אויף יענעמ'ס געלט, ער האט געהאט א געפיל פאר א"י אידן און זיי אסאך געהאלפן מיט נדבות און הלוואות, דאס איז א מוסטער פון אמאליגע פשוטע אידן וואס היינט זעהט מען שוין נישט, ער איז אוועק מיט א שם טוב און איבערגעלאזט א דור פון חסידים און יראים, ובתוכם אמי מורתי מרת סאשע מאטיל ע"ה ו' ניסן תשס"ה תנצב"ה.

## מדור העובדות

## *****דער הייליגער בית אהרן אין קארלין לייענט א קוויטל אין קיעוו*****

אין שטאט קיעוו, רוסלאנד, האט געוואוינט הרה"ח ר' יונה לאפטיצקי א חסיד פון הייליגן ר' אהרן מקארלין, עס איז געווען גאנץ ווייט צו פארן פון קיעוו ביז קארלין אבער זייענדיג א גביר האט ער געהאט א גוטע באקוועמע וואגן און א געטרייער בעל עגלה און ממילא האט ער זיך ערלויבט און געקענט פארן צום הייליגן בית אהרן זיע"א קיין קארלין ווען ער האט געדארפט. אויף פסח פלעגט ער פארן כדי צו זיין ביי די הייליגע סדרים פון צדיק און זיך אנווארעמען מיט די פסח'דיגע ניגונים וואס האט געהאט א שטארקע חשיבות אין קארלין נישט חמץ'דיג מאכן די פסח'דיגע ניגונים.

איין יאר נאך דעם יו"ט פסח איז ער אריין זיך געזעגענען פון בית אהרן און דער הייליגער בית אהרן רופט זיך אן פאר ר' יונה, אז ווען ער קומט צוריק קיין קיעוו זאל ער תיכף איבערגעבן א גרוס פאר א געוויסער חסיד און אים איבער זאגן אז מען האט געליינט זיין קוויטל ערב פסח. ר' יונה געזעגנט זיך און זאגט צו דעם רבין אז ער וועט דאס טאן. ר' יונה פארשטייט נישט וואס איז די גרויסקייט אז דער צדיק וואס ליינט אזוי פיל קוויטלאך זאל הייסן איבערגעבן אזא שליחות! אבער א קארלינער חסיד איז א סאלדאט און אן קושיות האט געפאלגט דעם רבין און גלייך ווי ער איז אנגעקומען קיין קיעוו איז ער שנעל אריבער געגאנגען צום חסיד און געגעבן דעם גרוס, און אז דער רבי האט אים געהייסן זאגן ער האט געליינט זיין קוויטל ערב פסח!

ווען דער חסיד האט געהערט די ווערטער פון הייליגן רבין איז ער געווארן זייער נתרגש און האט אנגעהויבן טאנצן פון רוב שמחה. ר' יונה האט געמיינט אז דער חסיד האט געשיקט זיין קוויטל צום רבין און דער רבי האט דאס געליינט ערב פסח, און וועגן דעם איז ער בשמחה, אבער ער פארשטייט נאך אלץ נישט די שמחה! דער חסיד זאגט פאר ר' יונה קומט אריין און לאמיר טרינקען לחיים, און ביים טרינקען לחיים זאגט דער חסיד צו ר' יונה איך וועל דיר דערציילן די מעשה: ווען איך בין געווען דעם לעצטן מאל ביים רבין האב איך אים געפרעגט ביים געזעגענען וואס זאל איך טאן ווען איך וועל האבן א וויכטיגע פראבלעם און איך וועל נישט קענען דערגרייכן דעם רבין, וואס זאל איך טאן? האט אים דער רבי געענטפערט נישט געפערלאך! אויב עס וועט ביי דיר געשען עפעס ווי למשל א חולה זאלסטו שרייבן א קוויטל און לייגן די קוויטל אונטערן קישן פון חולה און וועסט האבן א ישועה. א שטיק צייט שפעטער איז זיין טאכטער לא עלינו קראנק געווארן און ביז א פאר טעג איז דער מצב געווארן זייער נישט גוט.

זיין דאקטער איז געווען א איד און האט איהם געשטופט און געזאגט אז יעצט איז די צייט נאר צו מתפלל זיין ווייל נאר ה' קען העלפן און איך האט שטארק מתפלל געווען. און איך האב זיך דערמאנט וואס דער רבי האט מיר אנגעזאגט און איך האב זיך גענומען שרייבן א קוויטל און די קוויטל געלייגט אונטערן קישן פון מיין טאכטער, און עס האט נישט געדויערט א פאר מינוט און דער מצב האט זיך אנגעהויבן גיין צו בעסער'ס, און ביזן סדר איז זי שוין געגאנגען אויף אירע אייגענע פיס. דער דאקטער איז געווען געטריי און איז געקומען יענעם טאג זען וואס די מיידל מאכט און האט געזאגט מיט רגש א נס איז דא געשען! דאס איז אלעס געווען ערב פסח ווען דער רבי האט געליינט מיין קוויטל ערב פסח אין קארלין וואס איז געלעגן אין קיעוו.

משפחת לאפטיצקי פון קיעוו זענען געווען גרויסע גבירים און אויך געווען נאנטע חסידים פון מרן אור ישראל מסטאלין זיע"א. און ווען דער חסיד ר' שלום בלעזובער ז"ל האט זיך מקריב געווען זיין לעבן כדי צו ראטעווען מרן אור ישראל זיע"א ווען ער איז געווען אין קיעוו ביי די ערשטע וועלט'ס מלחמה, ווייל אין סטאלין איז געווען א סכנה פאר אים, האט דער רבי זיע"א געהייסן מען זאל לייגן ר' שלום גלייך לעבן די לאפטיצקי'ס, און א פלא ווייל יארן שפעטער ווען מען האט מפנה געווען די בית החיים אין קיעוו און די אייניקלאך -די לאפטיצקי'ס- האבן דערזען אז ר' שלום ליגט לעבן זייער זיידע, האבן זיי געזאגט אז ער איז דאך געווען א גוטער ברודער און מען האט אים אויך מפנה געווען צו די נייע בית החיים! דאס האט דער הייליגער רבי ר' ישראל מסטאלין פאראויס געזען און צוריק באצאלט א טובה פאר ר' שלום! זיע"א

***הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לאלפי ספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- עס איז א שיינע מתנה***

סעט מחזורים אשכנז דפוס זיטאמיר מצט טוב ושלם $3800 ספר באלאנגט להגאון ר' חיים ליבשיץ מתלמידי ר' חיים מוואלאזין, בריוו פון 6 שורות פון נודע ביהודה $50000, סידור עבודה ומורא דרך סלאוויטא תקפ"ד חסר שער הראשון מצב טוב מאור $30000, תיקון ליל שבועות סלאוויטא תקפ"ז נדיר חסר דף האחרון $3800, 3 ספרים שייך לבעל מקדשי ה' וויטצן $900, תיקוני זוהר דפוס זיטאמיר $1500, קבלה עם ברכת וחתימת הגה"ק ר' יעקב ארי' מטריסק $400, ספר אוהל יצחק שייך להרה"ק ר' יוחנן מטאלנא $600, ספר וואס האט באלאנגט פארן אפסי ארץ פון נאנאש $2000, ספר וואס האט באלאנגט פארן ווישיווא רבין רב מנחם מענדל $1500, ספר מיטן הקדשה פון חשק שלמה $1800, טשעק של האדמו"ר מסקולען ר' ישראל אברהם זצוק"ל $750. טשעקים חתומים שנתנו להגה"ק מטשימפא לחלק לצדקה $300 כ"א, מכתב הגה"ק ר' משה אריה פריינד עם הגה"צ ר' רפאל סאלאווייטשיק $900, צוויי ספרים אויף ר' יצחק אלחנן געדרוקט דורך ר' יעקב ליפשיץ ווארשא תרנ"ז וואס האבן באלאנגט צו הגה"צ ר' אביגדור מיללער $800, ספר שערי חיים וואס הרה"ק ר' דוד יהודה פריינד פון סאסרעגען האט געגעבן צום קראסנא רב א מתנה און ער האט געחתמ'ט $750, ספר קיצור ראשית חכמה עם הקדשה ארוכה מהגה"צ ר' יחזקאל שרגא מערץ, 6 ספרי ראזדין דפו"ר בית יעקב ויקרא, דברים, סוד ישרים ג שנים, תפארת החנוכי $3000, צמח צדיק וויזניק ג' חלקים דפו"ר $800. ספר פרקי דרבי אליעזר עם שתי חתימות הרה"ק ר' חיים שלמה מקאסאן, בריוון פון מרחשת, דברי מלכיאל, דער תפארת איש מנאוואמינסק,, ר' פסח פרוסקין, מהרה"ק מהוסיאטין, מהרה"ק ר' יחזקאל מאוסטראווצא,, מהגאון מקאוונא, מהגאון ר' הענקין, און נאך

4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ F 718 - 633 - 5500 Store Hours are 11:30 -7:30 Fri till 2:00, To receive pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday check our website *WWW.SEFORIMWORLD.COM*

מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און אויך אלטע געלט

נר זכרון לזקני הרה"ח ר' אברהם יעקב הלוי באכנער ז"ל בן הרה"ג ר' יצחק מטשאבניץ בעל שיח יצחק, כ"ח חשון תשמ"ג, איש החסד בהצנע, עבד ה' בנאמנות ובתמימות, השאיר אחריו דורות ישרים ומבורכות